# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

**פרשת נח**
שנת תשפ"ה

גליון ד'


## ספירת 'כתר'

### די ספירה פון 'כתר' ווערט אנגערופן 'רצון'

די עשר ספירות זענען צען הנהגות | **כתר איז רצון - כתר איז העכער און פריער ווי אלע הנהגות** | פארוואס פעלט אויס פאר'ן אויבערשטן א וועלט? | **איז שייך צו פארשטיין דעם רצון הבורא?** | דער רצון הפשוט איז העכער יעדער השגה | **אונזערע רצונות זענען געבויט אויף טויזנטער חשבונות** | וויאזוי בויט זיך אויף א רצון? | **דער שידוך ציט מיך; וואס עפעס?** | וויל דער בחור די בלעטער גמרא אדער דעם סוף הכבוד לבוא? | **פארוואס וויל איך נאר גוטס פאר מיין קינד?** | דער אמת'ער רצון איז 'ווייל אזוי וויל איך' | **א רצון וואס מ'קען נישט מסביר זיין** | דער רצון העליון און דער רצון הפשוט

א

## 'כתר' איז העכער פון אלע עשר ספירות

### מיט וואס איז כתר העכער אלע אנדערע ספירות?

אין ספר יצירה שטייט אז דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט מיט 'צען הייליגע ספירות', וועלכע ווערן אנגערופן: חכמה, בינה, דעת, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. די אלע ספירות ווייזן אויף פארשידענע היוכע זאכן מיט וועלכע דער אויבערשטער פירט די וועלט.

העכער די צען ספירות איז דא די ספירה וואס הייסט 'כתר' – א קרוין. דאס איז אזיווי א קרוין פון א מלך בשר ודם וואס ליגט אויפ'ן קעניג'ס קאפ, און איז העכער אלעס און פארנעמט ניטאמאל א טייל פונעם קערפער, און איז העכער אפילו פון דעם מח מיט'ן שכל (עיין בספה"ק פרי צדיק פר' ויחי אות י'). **דער קרוין איז א סימבאל פאר'ן קעניג 'אליין'** מיט'ן פולסטן פראכט, און עס האט ניטאמאל קיין שייכות מיט די פעולות וואס ער טוט.

פשט פון דעם איז, אז ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט האט ער עס געבויט מיט א געוויסן סדר. 'חכמה' ווייזט אויף איין סארט הנהגה אין דער בריאה, אזוי ווייטער 'בינה' און 'דעת' און אלע אנדערע ספירות, יעדע זאך ווייזט אויף א געוויסן סארט מהלך וואס דורך זיי פירט דער אויבערשטער זיין וועלט. אבער דאס אלעס איז שוין א חלק פון דעם עצם בריאה וואס ער האט באשאפן, די הנהגה איז שוין א פועל יוצא פונעם באשעפער וואס האט דאס באשאפן און אויסגעשטעלט וויאזוי ער האט געוואלט, אבער **סוף כל סוף איז ער אליין העכער אלעם.**

פארשטייט זיך אז די 'עשר ספירות' זענען אסאך העכער פון אונזערע פשוט'ע השגות, און עס איז זיכער אז 'כתר' איז נישט קיין גשמיות'דיגע זאך, אבער מיט דעם קענען מיר אביסל פארשטיין דעם חילוק צווישן 'כתר' און אלע אנדערע ספירות.

מיר האבן נישט קיין השגה אין דער הויכער ספירה פון כתר (ראה תיקו"ז הקדמה דף ז.), וואס אפילו אין די ספרים הקדושים רעדט מען ווייניג דערפון, נאר אזויווי מיר האבן שוין גערעדט איז דער דרך הבעש"ט הק' זי"ע געקומען מגלה

**מיר האבן נישט קיין השגה אין דער העכער ספירה פון כתר, נאר אזויווי מיר האבן שוין געזעט איז דער דרך הבעש"ט הק' זי"ע געקומען מגלה זיין אז יעדער איד, בכל מצב שהוא, האט אין זיך א שטיק אלוקות, ממילא מיינט עס יעדן איינעם, און דערפאר דארפן מיר דאס פרובירן צו פארשטיין אויף וויפיל עס איז נוגע פאר אונז.**

זיין אז **יעדער איד, בכל מצב שהוא, האט אין זיך א שטיק אלוקות** און פארמאגט אין זיך די הייליגע ספירות, און ממילא האט יעדער איינער במציאות א חלק אין די אלע העכע ספירות, אפילו ער אליין ווייסט נישט פינקטליך וואס דאס איז. און דערפאר דארפן מיר דאס גוט דורכלערנען, צו באקומען א שטיקל מושג וואו דאס איז אונז נוגע, כדי מיר זאלן קענען דינען דעם אויבערשטן אויפ'ן ריכטיגן וועג.

## אן אמת'ער רצון האט נישט קיין הסבר און קיין טעם

אין די ספרים הקדושים ווערן געברענגט פארשידענע טעמים פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט און געמאכט אז די נשמה זאל דארפן אראפקומען אויף דער וועלט. פארוואס האט אויסגעפעלט פאר'ן הייליגן באשעפער צו באשאפן די וועלט אויף וועלכער מיר לעבן? איז דען חלילה שייך צו זאגן אז עפעס האט געפעלט פאר'ן אויבערשטן, וואס צוליב דעם האט ער געמוזט באשאפן די וועלט? און בכלל, פארוואס האט ער נישט געקענט מאכן אז די נשמה זאל בלייבן אויבן אין הימל אויף א הייליגן פלאץ? **פארוואס פעלט אויס אראפצושיקן די נשמה אויפ'ן עולם הזה**, וואו עס איז איינגעשטעלט מיט אזויפיל נסיונות און מכשולות?

עס זענען דא פארשידענע הסברים אין די ספה"ק וואס ערקלערן אונז פארוואס דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט (צום ביישפיל אין אנפאנג ספר עץ חיים, וואו דער אריז"ל ברענגט געוויסע טעמים פאר בריאת העולם, און זע אויך צום ביישפיל אין ספה"ק באר מים חיים בראשית עה"פ 'ויהי ערב ויהי בוקר', וואו ער ברענגט פיר הסברים אויף בריאת העולם). די אלע הסברים זענען אמת און ריכטיג, אבער די העכסטע השגה איז אסאך טיפער.

## רצון הפשוט איז העכער יעדן הסבר

לאמיר זען וואס דער מדרש תנחומא (נשא, ט"ז) זאגט: "נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים". דאס זענען מורא'דיגע ווערטער וואס די הייליגע חז"ל האבן אונז געלערנט: כביכול דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, ווייל ער האט געגלוסט צו האבן א הויז אויף אונזער נידריגער וועלט. טא **דאס איז די מדריגה פון כתר, וואס ווערט אנגערופן רצון הפשוט**.

ווילאנג מיר זענען מסביר מיט שכל'דיגע הסברים און מיר פרובירן צו פארשטיין פארוואס עס האט אויסגעפעלט א בריאת העולם, זענען מיר נאכנישט אנגעקומען צו דער העכסטער השגה, ווייל באמת לאמיתו האט פאר'ן אויבערשטן גארנישט געפעלט פאר בריאת העולם, און נאך בריאת העולם איז נישט צוגעקומען קיין פינטעלע מער שלימות צום בורא כל עולמים (ספה"ק שערי אורה שער ז'). נאר וואס יא? זיין רצון איז צו האבן א וועלט, און מיר מענטשן זענען דא אויף דער וועלט צו ערפילן זיין רצון.

דער רצון הפשוט איז העכער פון סיי וועלכן הסבר. דאס איז דער רצון וואס מען קען נישט מסביר זיין און מען קען נישט פארשטיין מיט די עיני השכל. און אפילו ווען מיר וועלן פרובירן דאס מסביר צו זיין אויפ'ן בעסטן אופן בטוב טעם ודעת, וועט מען נאך אלץ נישט האבן אפילו די מינדסטע השגה אין דעם 'רצון הפשוט' פונעם הייליגן באשעפער (ספר הפרדס שער ח' פ"י, ובשל"ה מסכת פסחים דרוש ד').

**דער באשעפער איז נישט אנגעהאנגען אין קיין שום דרויסנדיגער זאך**, און זיין רצון איז אויך נישט תלוי אין קיין שום דרויסנדיגן הסבר. 'זיין רצון' איז 'זיין רצון', ווייל דאס איז 'זיין רצון', און מען דארף גארנישט, און מען קען גארנישט צולייגן דערצו (ספה"ק דברי חיים השמטות פרשת בלק).

וויפיל מ'וועט נאר פרובירן צו טרעפן א סיבה פארוואס די נשמה דארף אראפקומען דווקא אין א גוף גשמי, אריינפאלן אין א וועלט פול מיט נסיונות אויף טריט און שריט, זיך ספראווען יעדן רגע מיט נידריגקייט און גשמיות, וועט מען סיייו צום סוף אנקומען צו דעם איינעם טעם: **ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט**. דאס איז זיין 'רצון הפשוט', ווייל אזוי איז כביכול עלתה במחשבה לפניו (ספה"ק עבודת ישראל פר' נשא ד"ה איש או אשה). דער הייליגער באשעפער וואס מיר האבן נישט קיין פינטל השגה אין זיין גרויסקייט האט א נחת רוח פון דעם וואס מיר דינען אים מיט אונזער עבודה.

ב

# וואס מיינט א 'רצון'

### וואס איז א רצון, און פארוואס איז עס א רצון?

פאר אונז, מענטשן, איז זייער שווער צו פארשטיין וואס דאס מיינט א 'פשוט'ער רצון', ווייל ווען מיר מענטשן האבן א רצון צו עפעס, קומט דאס געווענליך מיט א סיבה (עקידת יצחק פר' אמור שער ס"ז).

יעדער מענטש האלט אז **זיינע רצונות זענען פארשטענדליך און שכל'דיג.** אפגערעדט ביי וויכטיגע זאכן ווי למשל ווען א מענטש וואוינט אין א דירה, ער עסט, אדער ער שלאפט און אזוי ווייטער, אויב מען וועט אים פרעגן פארוואס ער טוט עס, וועט ער קענען זייער גרינג מסביר זיין אז ער דארף עסן כדי צו האבן כוח, ער דארף א הויז צו וואוינען דעריין און ער דארף שלאפן כדי ער זאל זיין אויסגערוט.

אזוי אויך ביי זיינע אנדערע רצונות וועט ער געווענליך קענען מסביר זיין, טיילמאל מיט לענגערע און קאמפליצירטע הסברים. ווי למשל פארוואס ער וויל דווקא דעם שידוך און נישט יענעם שידוך, אבער דאס איז אלעס ווייל דער מענטש איז א מוגבל, און אלע זיינע רצונות קומען פון עפעס וואס פעלט אים, א חסרון. און ווייל עפעס האט אים געפעלט, שטרעבט ער צו האבן עפעס וואס גייט אים ערפילן דעם חסרון (ספה"ק שערי היחוד ואמונה, שער כללות היחוד שער א' פ"ד).

משא"כ ביים באשעפער, וועלכער איז אומבאגרעניצט און איז מושלם בתכלית השלימות, איז נישטא אזא זאך אז עפעס פעלט אים, ממילא קען נישט זיין אז זיין רצון איז דא צו ממלא זיין א חסרון. נאר וואס דען? דעם בורא'ס רצון איז דער רצון הפשוט. **אזוי וויל ער, ווייל דאס וויל ער**, און מען קען גארנישט צולייגן, ווי אויבנדערמאנט.

צו פארשטיין דעם טיפן דערהער, קען זיך דער מענטש אליין אנקוקן. ס'איז נישט מער ווי כדאי אז ער זאל זיך אביסל באקענען מיט'ן מושג פון רצון און זען וויאזוי עס ארבעט, כדי מיר זאלן פון דעם קענען באקומען א שטיקל דערהער ווי ווייט עס איז נישט מעגליך צו פארשטיין וואס דאס מיינט 'רצון הפשוט' – פשוט רצון, און פון דעם וועלן מיר קענען אריינגעמען אין קאפ וואס דער אויבערשטער 'וויל' באמת פון אונז.

### וואס וויל דער מענטש?

דאס גאנצע לעבן פון א מענטש ווערט געפירט דורך זיינע 'רצונות', זאכן וואס ער 'וויל'. דאס איז דער שליסל וואס פירט אים אריין אין א לעבן פון 'טון'. א מענטש טוט זאכן נאר ווייל ער וויל, די שאלה איז נאר פארוואס ער וויל ער עס.

אמאל פארשטייט מען פשוט און גראד פארוואס א מענטש וויל עפעס. צום ביישפיל, א מענטש וויל איבערבויען און גרעסער מאכן זיין דירה, און די סיבה איז ווייל זיין משפחה איז גרעסער געווארן און ער דארף מער פלאץ. אבער אמאל קען זיין אז דער ווילן קומט פון א געוויסער זייטיגער 'סיבה' וואס האט אים דאס געמאכט וועלן. למשל, ער דארף נישט בעצם א גרעסערע דירה, אבער ער האלט אז דאס איז א גוטע אינוועסטירונג, ווייל די דירה וועט זיין אסאך מער ווערד צו פארקויפן נאכ'ן צובויען.

דאס הייסט אז אוודאי האט ער א סיבה פארוואס ער וויל צובויען צו זיין דירה, טאקע נישט קיין 'נוצבארע' סיבה וואס איז אים לעבנסוויכטיג, אבער פאקטיש איז געלט א וויכטיגער חלק פון א מענטש'נס לעבן, און אויב ער האלט אז זיין דירה וועט זיין מער ווערד און עס לוינט זיך אריינצוגיסן געלט דערין כדי ער זאל עס שפעטער קענען פארקויפן פאר א גרעסערן סכום, איז דאס א שכל'דיגע סיבה.

אז מיר וועלן אנהייבן באטראכטן דעם מענטש און זיינע רצונות מיט א טיפערן בליק, וועלן מיר זיך איבערצייגן אז די סיבות וואס ליגן אונטער א מענטש'נס רצונות זענען צומאל זייער קאמפליצירט, און אסאך מאל רעדט זיך דער מענטש אליין איין אז ער וויל עפעס צוליב איין סיבה אבער **באמת וויל ער עס צוליב אן אנדערער סיבה.**

לאמיר נעמען א ביישפיל. ביי א גרויסארטיגן מעמד 'חלוקת פרסים' זעט א בחור ווי זיין חברותא זיצט אויפ'ן אויבנאן און ווערט אויסגערופן מיט גרויס כבוד צו קומען אפנעמען זיין פארדינטע תעודת הצטיינות פאר'ן זיך פארהערן דריי הונדערט בלאט גמרא רש"י תוספות. "אוי ווי עס גלוסט זיך מיר זיך צו פארהערן אפאר הונדערט בלאט גמרא אויסנווייניג..." טראכט דער חבר צו זיך אין הארץ.

לאמיר גוט אריינטראכטן. דער בחור טראכט ווי שטארק ער וויל אויך קענען די בלעטער גמרא, אבער צי וויל ער 'באמת' לערנען און קענען אפאר

> **באמת לאמיתו האט פאר'ן אויבערשטן גארנישט געפעלט פאר בריאת העולם, און נאך בריאת העולם איז אויך נישט צוגעקומען קיין פינטעלע מער שלימות צום בורא כל עולמים.**

**אפילו ווען מיר וועלן פרובירן מסביר צו זיין אויפ'ן בעסטן אופן בטוב טעם ודעת, וועט מען נאך אלץ נישט האבן אפילו די מינדסטע השגה אין דעם 'רצון הפשוט' פונעם הייליגן באשעפער, ווייל עס זענען נישטא קיין שום הסברים דערויף.**

הונדערט בלאט גמרא? מוז נישט זיין, ווייל **אויב יא, פארוואס האט ער זיך פונקט יעצט אויפגעוועקט?** עס איז זייער מעגליך אז יעצט איז נתעורר געווארן ביי אים אין הארץ א חשק און א רצון דאס צו ווילן, ווייל ער זעט ווי זיין חבר ווערט אזוי בארימט, און עס גלוסט זיך אים אויך אזא גאנצער טראסק, אבער נאך דער מסיבה וועט דער גאנצע רצון און חשק זיך צו פארהערן אפאר הונדערט בלאט גמרא פארשוואונדן ווערן.

אוודאי טאר מען נישט ח"ו מזלזל זיין אין אזא סארט רצון, עס איז זייער גוט צו טון א מצוה און צו לערנען אפילו פאר א זייטיגער סיבה, ווייל מתוך שלא לשמה בא לשמה (סנהדרין קה:), אבער סוף כל סוף דארף מען אנערקענען אז זייער אסאך מאל האט דער מענטש א רצון וואס ער מיינט אז ער וויל די זאך אליין, אבער באמת וויל ער עס צוליב א זייטיגער סיבה וואס ער כאפט אפילו נישט אויף דער מינוט, וואס יענע סיבה האט אים דאס געמאכט ווילן.

## א רצון וואס מ'קען נישט מסביר זיין

אויב מיר וועלן אבער גוט נאכקוקן, וועלן מיר זען אז עס איז דא נאך א סארט 'ווילן' וואס איז אריינגעבויט אין יעדן מענטש, אבער דאס איז אן אנדערער מין 'רצון', וואס איז נישט געגרינדעט אויף קיין שום סיבה אדער הסבר פארוואס ער וויל דאס. אפילו דער מענטש אליין וואס וויל עס, קען אויך נישט מסביר זיין פארוואס ער וויל עס האבן. עס פעלט אים נישט אויס צום לעבן, און ס'גיט אים גארנישט צו, און מיט דעם אלעם וויל ער עס ווייל ער פילט אז דאס וויל ער.

צום ביישפיל, אסאך מאל זעט מען אז א מענטש וויל טון א געוויסן שידוך מיט זיין קינד, און ווען מען וועט אים פרעגן פארוואס ער וויל פונקט דעם שידוך, ווען מען האט אים אנגעטראגן אנדערע שידוכים וואס זענען לכאורה בעסער, וועט ער ענטפערן, "איך ווייס נישט, דאס ציט מיך." דאס הייסט אז דער מענטש קען נישט באמת מסביר זיין פארוואס ער וויל דווקא דעם שידוך, ער ווייסט איין זאך, אז דאס וויל ער פאר זיין קינד.

ווער רעדט נאך אויב מען וועט פרעגן פון א מענטש, **פארוואס האסטו ליב דיין קינד?** פארוואס טוסטו אזויפיל גוטע זאכן פאר אים? פארוואס קויפסטו אים גוטע זאכן און מתנות? ער וועט בכלל נישט פארשטיין וואס דו פרעגסט אים, ער 'וויל' אז פאר זיין קינד זאל גיין גוט, אן קיין שום דרויסנדיגער אדער זייטיגער סיבה. דאס וויל ער, און פארטיג!

## א דרויסנדיגער רצון איז אזוי ווי א מלבוש

יעצט קומען מיר אן צו פארשטיין וויאזוי יעדער מענטש ווערט געפירט דורך צוויי סארטן רצונות: איינס, א זאך וואס ער וויל, ווייל ער האט עפעס א סיבה וואס מאכט אים דאס ווילן. צוויי, א זאך וואס ער וויל אן קיין שום סיבה אדער הסבר פארוואס.

יעצט לאמיר זען דעם הויפט חילוק צווישן די צוויי סארטן רצונות. 'א סיבה' צו ווילן איז אזוי ווי א דרויסנדיגע זאך וואס טרייבט דעם מענטש, עס איז ווי 'א מאנטל' וואס דער מענטש טוט אן ווען עס איז קאלט. ער טוט נישט אן דעם מאנטל ווייל ער האט ליב א מאנטל, ווייל אין א הייסן זומער-טאג וועט דאך א נארמאלער מענטש נישט גיין מיט א מאנטל, ער טוט עס אן ווייל ער וויל נישט זיין קאלט. דאס הייסט אז דער מאנטל קומט ממלא זיין עפעס א ספעציפישן חסרון - ער איז קאלט, און דער מאנטל דערווארעמט אים.

א מאנטל איז נישט דער מענטש אליין, דאס איז א דרויסנדיגער מלבוש וואס דער מענטש קען אנטון און אויסטון לויט די אומשטענדן. אויב וויל ער טוט ער עס אן, און אויב וויל ער טוט ער עס אויס. ער איז דער זעלבער מענטש סיי מיט'ן מאנטל און סיי אָנעם מאנטל, גארנישט טוישט זיך נישט ביי אים אינעווייניג, ער בלייבט דער זעלבער סיי מיט דעם און סיי אן דעם.

דאס זעלבע איז מיט א 'רצון' וואס קומט פון א סיבה. דער רצון האט נישט דווקא צוטון מיט דעם עצם מהות און פנימיות פונעם מענטש אליין, וויבאלד דאס קומט נישט ווייל זיין הארץ וויל דווקא דאס. דאס קומט נישט ווייל ער איז אזוי. ער וויל יעצט א גרעסערע דירה, ווייל א) ער האט א גרויסע משפחה, ב) ער וויל זיין דירה זאל זיין ווערד מער, ג) ער וויל קענען מכניס אורח זיין. אבער לאמיר זאגן אז ער האט שוין גענוג א גרויסע דירה, עס פעלט אים נישט גארנישט אדער ער וואוינט אליין אין א מדבר, וויל ער דען יעצט א גרעסערע דירה?!...

**זייער אסאך מאל האט דער מענטש א רצון, וואס ער מיינט אז ער וויל די זאך אליין, אבער באמת וויל ער עס צוליב א זייטיגער סיבה וואס ער כאפט אפילו נישט אויף דער מינוט, וואס יענע סיבה האט אים דאס געמאכט ווילן.**

אלע דרויסנדיגע רצונות, וואס קומען פאר א זייטיגער סיבה, קומען נישט עכט פונעם מענטש אליין. ער האט זיך 'אנגעטון' א רצון, און ער קען עס פונקט אזוי 'אויסטון' ווען עס ענדיגט זיך די סיבה פארוואס ער האט עס אנגעטון. אנדערש איז אבער א 'רצון' וואס האט נישט קיין הסבר און קיין סיבה, וואס דאן איז עס א רצון וואס קומט פון דעם 'פנימיות' פונעם מענטש אליין. דאס איז זיין מהות און מציאות וואס ווערט זיך קיינמאל נישט טוישן [זע מילואים].

## דער מקור פון אלע רצונות איז דער 'רצון הפשוט'

א רצון וואס קומט פון אינעווייניג, וואס האט נישט קיין שום הסבר און טעם און דער מענטש קען נישט אנגעבן קיין שום סיבה פארוואס ער וויל דוקא דאס, קומט פון דעם פנימיות פונעם מענטש. דאס וויל ער ווייל אזוי וויל ער, דאס ציט אים און דאס מאכט אים א הנאה אפילו ער אליין פארשטייט נישט און ווייסט נישט פארוואס. און דאס איז בעצם דער 'אמת'ער' רצון וואס ווערט זיך קיינמאל נישט טוישן, פשוט ווייל עס האט נישט קיין סיבה וואס האט דאס געמאכט ווילן, ממילא איז אויך נישטא קיין שום סיבה וואס וועט דאס מאכן נישט ווילן.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין וואס רש"י זאגט אין פרשת חיי שרה (בראשית, כ"ג ח') אויפ'ן פסוק "אם יש את נפשכם", אז 'נפשכם' מיינט 'רצונכם' – אייער ווילן. רצון ווערט אנגערופן נפש, ווייל אן אמת'ער רצון קומט פון דעם פנימיות פונעם נפש. א רצון אן א טעם איז פשוט א שטיק פונעם נפש.

דער הייליגער בעל התניא (מאמרי אדמוה"ז, תקס"ט, עמ' ע"ר) ברענגט דאס ארויס אין קורצע ווערטער: "כָּל רָצוֹן נוֹלָד מִטַּעַם הַכָּמוּס שֶׁל רָצוֹן, אֲבָל בִּמְקוֹר הָרָצוֹן אֵין טַעַם כְּלַל לְרָצוֹן". דאס מיינט אז יעדע זאך וואס א מענטש וויל, קומט פון א באהאלטענער סיבה וואס מאכט אים דאס וועלן, אבער ווען מען וועט נאכגיין דעם אריגינעלן מקור פון וואו דער רצון קומט און מען וועט זיך דערגרונטעווען צו זיינע טיפסטע רצונות, וועט מען אנקומען צו א רצון וואס **אפילו דער מענטש אליין ווייסט נישט די סיבה** פארוואס ער וויל דאס.

**א רצון וואס האט נישט קיין שום סיבה פארוואס דער מענטש וויל דווקא דאס, קומט פון דעם פנימיות פונעם מענטש. דאס וויל ער, ווייל אזוי וויל ער. דאס ציט אים אפילו ער אליין פארשטייט נישט און ווייסט נישט פארוואס.**

ווייל אויב מען גייט נאך דעם מקור פון וואו דער רצון פון א מענטש הייבט זיך אן, זעט מען אז דער רצון האט נישט קיין שום הסבר און טעם, נאר פשוט 'אזוי וויל ער'.

### מילואים

עס איז וויכטיג צו באמערקן א זייטיגע נקודה, אז אפילו איינער וואס גלוסט צו נידריגע זאכן, וואס דאס ווייזט לכאורה אז זיין 'נפש' איז אויף א נידריגן פלאץ, מיינט דאס נאכנישט אז דאס איז דער עצם מהות פון זיין נפש און ער קען דאס נישט טוישן, נאר ער קען אויך ארויפארבעטן זיין 'נפש' צו א העכערן פלאץ, און צוזאמען מיט דעם וועלן אויך מיטוואקסן זיינע אמת'ע רצונות. פונקט ווי יעדער זעט אז א קליין קינד האט פארשידענע 'קינדעריש'ע' רצונות וואס ער וויל באמת, אבער פארט וואקסט ער עס אויס ווען זיין נפש וואקסט און ווען זיין שכל ווערט באזעצט, און דאן וויל ער מער נישט, פון זיך אליין, פארשידענע זאכן וואס האבן זיך אים געגלוסט אלס קליין קינד.

ג

# דער רצון העליון

## ער וויל אזוי, ווייל אזוי וויל ער

ביז אהער האבן מיר ערקלערט דעם ענין פון א מענטשליכן רצון, און צוגעקומען צו דעם אז דער מקור פון יעדן רצון איז בעצם א 'רצון הפשוט' וואס מען קען נישט מסביר זיין א סיבה דערצו. מיר מענטשן האבן נישט קיין שום השגה וואס דאס מיינט א רצון פונעם אויבערשטן, און וואס דאס מיינט 'עלתה במחשבה לפניו', וואס 'לית מחשבה תפיסה בה כלל', און עס איז בכלל נישט דומה אפילו מיט קיין משהו צו א רצון פון מענטשן וואס זענען אליין נאר 'באשעפענישן' וואס דער אויבערשטער האט באשאפן.

מיר ניצן נאר דעם משל פון 'רצון' ביי מענטשן, כדי צו קענען משיג זיין באפס מה, אז אויב עס איז קלאר אז מיר קענען נישט מסביר זיין מיט קיין פארשטענדליכן הסבר אפילו אונזערע אייגענע 'רצונות', איז דאך א קל וחומר בן בנו של קל וחומר אז מיר וועלן קיינמאל נישט קענען אנהייבן משיג צו זיין דעם 'רצון הפשוט' כביכול פונעם אויבערשטן צו באשאפן א וועלט. מיר ווייסן נאר איין זאך, אז דאס האט דער אויבערשטער געוואלט ווייל דאס איז זיין רצון.

און יעצט צוריק צום אנהייב. די ספירה פון 'כתר' ווערט אנגערופן אין די ספרים הקדושים 'רצון' (עיין בספר הרימונים להרמ"ק ז"ל, שער עצמות וכלים ש"ד פ"ח, שער הצחצחות

## אויב מען ווערט פרעגן פון א מענטש, "פארוואס האסטו ליב דיין קינד? פארוואס טוסטו אזויפיל גוטע זאכן פאר אים? פארוואס קויפסטו אים גוטע זאכן און מתנות?" ווערט ער בכלל נישט פארשטיין וואס דו פרעגסט אים.

שי"א פ"ה), ווייל דאס איז ווי געזאגט העכער אלע ספירות, און דאס ווייזט אויפ'ן 'רצון הפשוט' וואס איז כביכול נתעורר געווארן ביים אויבערשטן אז ער וויל האבן א וועלט. רצון ה'פשוט' קומט ווייזן אז מיר קענען נישט גיין ווייטער פון דעם אנגעבן און העכערע און טיפערע סיבות הינטער דעם רצון, נאר די העכסטע השגה וואס מיר קענען פארשטיין אין עבודת הבורא איז אז 'דאס וויל דער אויבערשטער' און אזוי איז.

### דער באשעפער 'וויל' א וועלט

ווען א מענטש וויל זיך בויען א דירה, פארשטייט דאך יעדער אז ער האט עפעס א סיבה צו ווילן א דירה. אבער א מאכטפולער קעניג וואס האט שוין א שיינעם, ברייטן, הערליכן פאלאץ, וואס איז אנגעפילט מיט היכגעשעצטע מיניסטארן און באדינער וואס דינען אים געטריי און ערפילן וואס ער ווינטשט זיך נאר; אויב ער וועט זיך גיין בויען א ניי הויז, און נאכדערצו אויף א נידריגן, ארעמען, נאכגעלאזטן און אומבאקאנטן פלאץ, ווייל ער וויל אז זיין נאמען זאל אויך דארט אנקומען – אזא זאך ווערט מען קיינמאל נישט קענען מסביר זיין, און דאס איז העכער פון יעדער סיבה.

דאס זעלבע איז כביכול ביים בורא עולם. עס האט פארשטייט זיך גארנישט געפעלט פאר'ן באשעפער בעפאר בריאת העולם, אבער נאך אלץ האט ער געוואלט באשאפן א וועלט און רוען צווישן אונז.

דאס מערסטע וואס מיר קענען פארשטיין איז: דאס וויל ער! אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט, און דאס איז דער גרעסטער נחת רוח וואס ער ווינטשט זיך, צו האבן א וואוינאָרט אין דעם פארשטופטן מקום. ער 'וויל' זיין צווישן אונז אידן דווקא, און ער 'וויל' אז מיר זאל מקיים זיין זיינע מצוות און אים דינען, און דאס איז ממלא זיין 'רצון' און ברענגט אים דעם גרעסטן נחת רוח וואס איז נאר שייך.

יעצט האבן מיר אביסל מער א דערהער און הבנה אין דער הייליגער ספירה פון 'כתר', וואס איז ווי אויבנדערמאנט דער 'קרוין' וועלכער סימבאליזירט דעם הייליגן באשעפער און זיין 'רצון הפשוט', וואס איז פיל העכער ווי אונזער השגה. אינעם קומענדיגן גליון וועלן מיר ווייטער גיין אין דעם ענין, מער און קלארער צו פארשטיין וויאזוי דאס אלעס איז דירעקט פארבונדן מיט אונז און נוגע אויף למעשה פאר יעדן איד.

## חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **די ערשטע ספירה ווערט גערופן 'כתר', ווייל דאס איז ווי א קרוין וואס איז העכער דעם קעניג'ס קאפ.**
- 'כתר' איז העכער פון די אנדערע ספירות, ווייל דאס איז נישט די הנהגה פון דעם בורא עולם, נאר דאס איז א רצון וואס קומט בעפאר א הנהגה.
- **עס איז נישט מעגליך פאר אונז מענטשן צו פארשטיין דעם רצון העליון פון באשאפן די וועלט, מער ווי דעם פאקט אז דאס איז געווען דער רצון העליון.**
- כתר ווערט אנגערופן 'רצון הפשוט' ווייל עס איז נישט ערפילט געווארן קיין שום חסרון, און מיר קענען נישט פארשטיין די סיבה דערצו.
- **נאר ביי א מענטש איז שייך אז א רצון זאל האבן א פארשטענדליכע סיבה פארוואס ער וויל דאס.**
- אסאך מאל מיינט א מענטש אז ער פארשטייט די סיבה צו זיין רצון, אבער באמת איז עס געבויט אויף גאר א צווייטער סיבה.
- **אבער אויך ביי א מענטש איז שייך אז ער זאל האבן א רצון אן א הסבר.**
- די העכסטע השגה אין בריאת העולם איז צו פארשטיין אז דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט, און פארדעם איז דא א וועלט.


ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**

פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com